**איוף תיכף ארויסצוגעבן:** 8/4/2025 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האקול אנאנסירט 43 מיליאן דאלאר אין פינאנצירונג פון דעם 'ריינע וואסער, ריינע לופט און גרינע דזשאבס ענווייראמענטאלע באַנד געזעץ' פאר הארלעם ריווער וואסער ברעג טרעיל און קלימאט שטאנדהאפטיגקייט

***פראיעקט וועט ברענגען נייע אפענע שטח און וואסער ברעג צוטריט פאר אָפּער מאנהעטן קאמיוניטיס***

***דעזיין וועט פארשטערקערן שטאנדהאפטיגקייט, העלפן פארמינערן ווירקונגען פון עקסטרעמע וועטער און באשיצן ברעג קעגן העכערע וואסער שטאפלען***

גאווערנער Kathy Hochul (קעטי האקול) האט היינט אנאנסירט פינאנצירונג צו פאראויס גיין מיט קאנסטרוקציע איוף וויכטיגע עלעמענטן פון די הארלעם ריווער (Harlem River) חלק פון די מאנהעטן גרינוועי (Manhattan Greenway) וואסער ברעג טרעיל צו העלפן פארבינדן ארטיגע איינוואוינער צו די וואסער ברעג און גלייכצייטיג פארשטערקערן שוץ מאסנאמען קעגן עקסטרעמע וועטער און הויכע וואסער שטאפלען. דער פראיעקט – אפיציעל גערופן די מאנהעטן גרינוועי הארלעם ריווער ( Manhattan Greenway Harlem River) – רעכנט אריין די איבערבויאונג פון א וואסער-אפהאלטנדע סטרוקטור, נייע טרעילס פאר פיסגייער און ביציקלער און אזוי אויך א גענצליך נייע וואסער ברעג פארק זיך ציהענדיג אריבער זיבן בלאקס, טיילוויז פינאנצירט דורך 43 מיליאן דאלאר פון דעם 4.2 ביליאן דאלארדיגן 'ריינע וואסער, ריינע לופט און גרינע דזשאבס ענווייראמענטאלע באַנד געזעץ' ( Clean Water, Clean Air and Green Jobs Environmental Bond Act).

"ניו יארק סטעיט טוט אינוועסטירן הארלעם און אין אנדערע געגנטער אריבער די סיטי מיט שטיצע פון דעם 4.2 ביליאן דאלארדיגן ענווייראמענטאלע באַנד געזעץ, פארבינדענדיג קאמיוניטיס צו די וואסער ברעג בשעת'ן אויך מאכן די געגנטער מער באפעסטיגט און שטאנדהאפטיג", **האט גאווערנער Hochul (האקול) געזאגט.** "לעצטע וואך'ס שווערע פארפלייצונגען און רעזולטירנדע סטעיט אָוו עמערדזשענסי דעקלעראציע (State of Emergency) זענען דערמאנונגען אז עקסטרעמע וועטער איז מער נישט א זעלטענע ערשיינונג — עס איז אונזער נייע רעאליטעט. דער פראיעקט קומט אין א קריטישע צייט, אזוי ווי מיר נעמען זיך מיטן פולן קראפט צו אויפבויען קלימאט שטאנדהאפטיגקייט, צו באשיצן עמפינדליכע ערטער און אויסברייטערן צוטריט צו זיכערע און געזונטע דרויסנדיגע שטחים."
זייענדיג טייל פון די ברייטערע מאנהעטן וואסער ברעג גרינוועי אינציאטיוו צו שאפן א 32.5-מייל-לאנגע רינגל פון א גרינע שטרייף ארום די מאנהעטן אינזל — איז דער 309 מיליאן דאלארדיגער הארלעם ריווער פראיעקט א ניו יארק סיטי-אנגעפירטע אונטערנעמונג צו גיבן א נייע צורה פאר הארלעם'ס וואסער ברעג. די וואסער ברעג טרעיל וועט זיין א וויכטיגע קלימאט-פריינטליכע וועג זיך צו באוועגן, עס וועט אריינפילן קריטישע לעכער אין די ארטיגע טרעיל נעטווארק, זיך פארבינדנדיג צו די עמפייער סטעיט טרעיל דורך אן איינגעפלאנצטע שטרייף דעזיינט צו איינזאפן און האלטן רעגן וואסער, פארזיכטיגערהייט קאנטראלירן שטורעם וואסער און פארמינערן שאדן פון צוקונפטיגע פארפלייצונגען.

ניו יארק סטעיט טוט בײשטײערן 43 מיליאן דאלאר אין פינאנצירונג פון די ענווייראמענטאלע באַנד געזעץ געלטער וואס ווערן פארטיילט דורך די דעפּארטמענט פון ענווייראמענטאלע אפהיטונג (Department of Environmental Conservation, DEC) כדי צו אדרעסירן קלימאט סכנות אין א שוואכערע קאמיוניטי דורכן העכער מאכן די ברעג כדי צו פארמינערן סכנות פון הויכע וואסער שטאפלען און אינטענסיווע שטורעמעס, בשעת'ן אויך אויסברייטערן צוטריט צו די וואסער ברעג פאר איסט הארלעם. די שטח וועט געהעכערט ווערן מיט אומגעפער צוויי פיס צו זיין 11 פיס הויעך, העלפנדיג באשיצן פון הויכע וואסער שטאפלען ביז די פארגעשאצטע שטאפלען פון די יאר 2080. די נייע פארק וועט צולייגן הונדערטע בוימער און בושעס און צוויי אקער פון גראז, העלפנדיג רעדוצירן די שטאטישע 'היץ אינזל אפעקט' אין איסט הארלעם און אזוי אויך איינזאפן און האלטן שטורעם וואסער.

צוגאבליכע פראיעקט עלעמענטן רעכנען אריין אפענע גראזיגע פעלדער, זיץ פלעצער, פלעצער צו מאכן איבונגען, א שפיל פארק, עפנטליכע קונסטווערק און פארזאמלונג פלעצער פאר די קאמיוניטי פאר א געגנט וואס האט פון די העכסטע פראבלעמען פאר די באפעלקערונג און ענווייראמענטאלע ווירקונגען אין די סטעיט.

דער פראיעקט איז א צוזאמענארבעט צווישן די ניו יארק סיטי עקאנאמישע אנטוויקלונג קערפערשאפט (New York City Economic Development Corporation, NYCEDC), ניו יארק סיטי פארקס אפיס (New York City Parks) און פילע אנדערע אגענטורן, אריינרעכענענדיג ניו יארק סיטי דעפּארטמענט פון ענווייראמענטאלע באשיצונג'ס (New York City Department of Environmental Protection) ארבעט פון אריינבויען נויטיגע שטורעם וואסער אפלויף מאדערניזירונגען אינערהאלב די שטח פון דעם פראיעקט צו העלפן קאנטראלירן שטורעם וואסער און פארקלענערן די פארפלייצונג סכנה פאר די געגנט.

**ניו יארק סטעיט דעפּארטמענט פון ענווייראמענטאלע אפהיטונג קאמישאנער, Amanda Lefton (אמענדע לעפטאן), האט געזאגט,** "ניו יארק סטעיט'ס ענווייראמענטאלע באַנד געזעץ אינוועסטירונג אין די מאנהעטן גרינוועי איז א פונקטליכע ביישפיל פון וויאזוי גאווערנער Hochul (האקול) שטעלט גערעכטיגקייט אין צענטער און שטופט פאר קלימאט שטאנדהאפטיגקייט, פארזיכטיג באטראכטנדיג ספעציפישע קאמיוניטי געברויכן און שוואכקייטן, דא אין די סיטי און אריבער די סטעיט. די DEC'ס 43 מיליאן דאלארדיגע צוזאג פאר די הארלעם ריווער גרינוועי וועט העלפן אדרעסירן קלימאט שוואכקייטן און אומגלייכקייטן אין איינס פון די לאנד'ס מערסט באזייטיגטע קאמיוניטיס דורכן העכערן די ברעג צו רעדוצירן סכנות פון קלימאט טויש-געטריבענע הויכע וואסער שטאפלען און אינטענסיווע שטורעמעס, בשעת'ן פארבינדן איסט הארלעם איינוואוינער מיט אויסגעברייטערטע צוטריט צו די וואסער ברעג. איך בין באגייסטערט ביז גאר צו זעהן פארשריט אונטערוועגס צו פארבינדן לאקאלע איינוואוינער מיט די וואסער ברעג און מיט געלעגנהייטן צו ארויסגיין אינדרויסן און געניסן פון מאנהעטן."

**ניו יארק סיטי פארקס אפיס קאמישאנער, Iris-Rodriguez Rosa (אייריס-ראדריגעז ראָסא), האט געזאגט,** "מיר זענען אזוי דאנקבאר פאר די סטעיט פאר זייער שטיצע מיטן אהערשטעלן די אינוועסטירונג אין נייע אפענע שטח און שטאנדהאפטיגקייט פארבעסערונגען לענגאויס די איסט ריווער (East River). קאנסטרוקציע איז שוין אונטערוועגס אויף מאנהעטן גרינוועי הארלעם ריווער, און מיר קוקן ארויס צו גיבן מער נייעס פאר די קאמיוניטי אזוי ווי דער פראיעקט מאכט פארשריט."

**ניו יארק סיטי עקאנאמישע אנטוויקלונג קערפערשאפט פרעזידענט און CEO, Andrew Kimball (ענדרו קימבאל), האט געזאגט,** "דאס איז א גרויסע טריט אויף פאראויס צו פארענדיגן דעם מאנהעטן גרינוועי הארלעם ריווער פראיעקט פון 125th-132nd Street וואס וועט פארבינדן די איסט הארלעם קאמיוניטי צוריק צו די וואסער ברעג און בויען א מער גערעכטע און גרינערע ניו יארק סיטי. NYCEDC, צוזאמען מיט אונזערע סטעיט און לאקאלע שותפים, איז איבערגעגעבן צו אויסברייטערן ניו יארק סיטי'ס

שוין-יעצט שטאנדהאפטיגע וואסער ברעג טרעיל נעטווארק, ארבעטענדיג צו אנפילן קריטישע לעכער אין די נעטווארק כדי צו בויען א מער שטאנדהאפטיגע, באפעסטיגטע און פארבינדענע צוקונפט פאר ניו יארק סיטי."

**סטעיט סענאטאר Robert Jackson (ראבערט דזשעקסאן) האט געזאגט,** "די הארלעם ריווער איז פאר לאנגע יארן געווען אן אפטיילנדע ליניע —צווישן געגנטער מיט צוטריט און געגנטער וואס זענען אויסגעשפארט, צווישן שטחים פון בעטאן און שטחים באדעקט מיט ביימער. אבער די 43 מיליאן דאלארדיגע אינוועסטירונג הויבט אן צו איבערשרייבן די געשיכטע. דורך דעם ענווייראמענטאלע באַנד געזעץ, טוהען מיר נישט נאר בויען א וואסער ברעג טרעיל — נאר מיר טוהען פאררעכטן ענווייראמענטאלע שאדן און צוריק ברענגען דאס וואס איז צוריקגעהאלטן געווארן פון אונזערע קאמיוניטיס פאר דורות. מיר טוהען פארוואנדלען א פארנאכלעסיגטע ברעג אין א לעבעדיגע שטרייף פון שטאנדהאפטיגקייט און גערעכטיגקייט, פונדאסניי פארבינדענדיג איסט הארלעם צו איר רעכטפולע טייך ברעג. איך לויב אויס גאווערנער Hochul (האקול) פאר איר שותפות ביים העלפן פאראויס שטופן דעם חזון און פארן אנערקענען אז ענווייראמענטאלע גערעכטיגקייט פארלאנגט אמביציעזע און געציהלטע אינוועסטירונגען. דאס איז וויאזוי גערעכטיגקייט קוקט אויס אין די מציאות — עפנטליכע שטחים, ריינע לופט און קלימאט אינפראסטרוקטור אוועקגעשטעלט אויף יסודות פון כבוד הבריות און דעמאקראטיע. ווייל יעדער האט א רעכט צו ריינע לופט און ריינע וואסער."

**סטעיט סענאטארשע Cordell Cleare (קארדעל קלעיר) האט געזאגט,** "דער פראיעקט שפיגלט אפ די בעסטע פוןביידע וועלטן — פארשטערקערנדיג די פארבינדונג צווישן אונזער קאמיוניטי און די הארלעם ריווער וואסער ברעג בשעת'ן גלייכצייטיג אויפבויענדיג באפעסטיגונג ענווייראמענטאלע באשיצונג. די סארט אונטערנעמונג דארף נאכגעמאכט ווערן אריבער גאנץ צפון מאנהעטן, סיי מזרח און סיי מערב. איך לויב אויס גאווערנער Hochul (האקול) פארן קלוגערהייט גיבן פריאריטעט פאר די אינציאטיוו."

**אסעמבלי מיטגליד Jordan J.G. Wright (דזשארדען דזש. ג. רייט) פון הארלעם האט געזאגט,** "פון הוריקאן סענדי (Hurricane Sandy) ביז די לעצטיגע היץ כוואליעס וואס ניו יארקער האבן ביז יעצט אויסגעשטאנען דעם זומער, ווייסן מיר אז עקסטרעמע וועטער איז די נייע נארמע. באשיצן הארלעם און אירע איינוואוינער פון פאטענציאלע פארפלייצונגען און אנדערע סארטן שעדליכע וועטער, בשעת'ן אויך ברענגען נייע צוטריט צו אונזער לאקאלע וואסער ברעג, איז קלוגע באנוץ מיט די ענווייראמענטאלע באַנד געזעץ געלטער. דער הארלעם ריווער גרינוועי פראיעקט שאפט דזשאבס, ברענגט מער אפענע שטח און טייך ברעג אקטיוויטעטן צו די קאמיוניטי און איז א מאכטפולע טריט אין ריכטונג פון עררייכן ענווייראמענטאלע גערעכטיגקייט. עס קומט זיך פאר געגנטער ווי הארלעם צו האבן די באשיצונג פון א ניי-דעזיינטע וואסער-אפהאלטנדע סטרוקטור ווי אויך מער צוטריט צו די וואסער ברעג און אלעס וואס האט צו אפפערן פאר איינוואוינער און ביזנעסער צוגלייך. איך לויב אויס גאווערנער Hochul (האקול) פארן שטיין אין שפיץ פון די וויכטיגע אונטערנעמונג וואס וועט פארבעסערן די קוואליטעט פון לעבן פאר די מענטשן פון הארלעם און ווייטער."

**מאנהעטן בארא פרעזידענט Mark Levine (מארק לעווין) האט געזאגט,** "איך בין באגייסטערט ביז גאר אז ניו יארק סטעיט טוט אינוועסטירן אין די הארלעם ריווער גרינוועי. די פינאנצירונג איז אן אינוועסטירונג אין קלימאט גערעכטיגקייט וואס וועט צושטעלן פאר די איסט הארלעם קאמיוניטי גאר-נויטיגע נייע פארק שטח, טרעילס פאר ביציקליסטן און פיסגייער און קלימאט-באפעסטיגטע אינפראסטרוקטור. דאס פארענדיגן די מאנהעטן וואסער ברעג גרינוועי איז פון לאנג איינס פון מיינע הויפט פריאריטעטן, און איך בין פרייליך צו זעהן די סטעיט ארבעטנדיג בשותפות מיט די סיטי צו פאראויס גיין אין ריכטונג פון די ציהל. א דאנק פאר גאווערנער Hochul (האקול) פאר די וויכטיגע סטעיט אינוועסטירונג אין אונזער בארא."

**ניו יארק סיטי קאונסיל (New York City Council) מיטגליד, Yusuf Salaam (יוסוף סאלאם), האט געזאגט,** "די אינוועסטירונג אין די הארלעם ריווער גרינוועי איז א וווּנדפונקט. פאר צו לאנג איז אונזער קאמיוניטי געווען אפגעהאקט פון איר אייגענע וואסער ברעג, שטייענדיג אין וועג נישט נאר פון פארוויילונג און גרינע שטח, נאר אויך פאר שטאנדהאפטיגקייט צו קענען אויסשטיין קלימאט טויש. מיט די 43 מיליאן דאלארדיגע צוזאג פון דעם ענווייראמענטאלע באַנד געזעץ, טוט גאווערנער Kathy Hochul (קעטי האקול) העלפן פונדאסניי פארבינדן הארלעם איינוואוינער צו די טייך, בשעת'ן בויען א שטערקערע, זיכערערע און מער שטאנדהאפטיגע ברעג. דער פראיעקט איז אן ענין פון גערעכטיגקייט, קלימאט גערעכטיגקייט און אינוועסטירונג אין די געזונטהייט און וואוילזיין פון הארלעם פאמיליעס. איך בין שטאלץ צו שטיין מיט אונזערע שותפים אין רעגירונג אזוי ווי מיר פירן סוף כל סוף אויס די לאנג-נויטיגע טראנספארמאציע."

**ניו יארק סיטי קאונסיל מיטגלידערין Carmen De La Rosa (קאַרמען דע לא ראָסא) האט געזאגט,** "פאר קאמיוניטיס וואס נויטיגן זיך אין ענווייראמענטאלע גערעכטיגקייט ווי אָפּער מאנהעטן און די בראנקס (Bronx), זענען אינוועסטירונגען אין קלימאט שטאנדהאפטיגקייט נישט נאר נויטיג, נאר זיי זענען דרינגנד. אזוי ווי וואכן פון שווערע רעגנס פארפלייצן אונזערע סאָבוועיס, אונזערע אפּארטמענטס און אונזערע פארקס — זענען קאמיוניטיס ווי מיין די וועלכע פילן די מערסטע די ווירקונגען. מיר קוקן ארויס צו זעהן די אינוועסטירונגען אין וואשינגטאן הייטס (Washington Heights), אינוואוד (Inwood) און מארבל היל (Marble Hill) פון דעם 43 מיליאן דאלארדיגן ענווייראמענטאלע באַנד געזעץ, און מיר באדאנקען גאווערנער Hochul (האקול) פארן אדרעסירן די פארצווייפלטע נויט פאר אינפראסטרוקטורישע פארבעסערונגען און קלימאט טויש גרייטקייט."

דער פראיעקט בויט ארויף אויף גאווערנער Hochul (האקול)'ס באמיאונגען צו מוטיגן אפּאַרדעבעל דרויסנדיגע פארוויילונג. די בודזשעט פאר פיסקאלע יאר 2026 רעכנט אריין 200 מיליאן דאלאר פאר די סטעיט פארקס אפיס צו אינוועסטירן אין- און ארויסהעלפן מיט- די אנגייענדע טראנספארמאציע פון ניו יארק'ס פראמינענטע פארקס און צו שטיצן קריטישע אינפראסטרוקטור פראיעקטן אריבער די גאנצע פארק סיסטעם. די גאווערנער'ס נייע [Unplug and Play אינציאטיוו] טיילט צו 100 מיליאן דאלאר פאר קאנסטרוקציע און רענאוואציע פון קאמיוניטי צענטערן דורך די 'בויען פארוויילונג אינפראסטרוקטור פאר קאמיוניטיס, קינדער און עלטערע מענטשן' ( ,Build Recreational Infrastructure for Communities Kids and Seniors, NY BRICKS) אינציאטיוו; 67.5 מיליאן דאלאר פאר די 'פלעצער פאר לערנונג, אקטיוויטעט און יונגווארג געזעלשאפט' ( ,Places for Learning, Activity and Youth Socialization NY PLAYS) אינציאטיוו, העלפנדיג ניו יארקע קאמיוניטיס אויפבויען נייע שפיל ערטער און רענאווירן עקזיסטירנדע שפיל ערטער; און נאך 90 מיליאן דאלאר פאר די פארזעצונג פון די NY SWIMS אינציאטיוו.

**ניו יארק'ס ריינע וואסער, ריינע לופט און גרינע דזשאבס אינווייראנמענטאל באנד אקט**
ניו יארקער וויילער האבן איבערגעוועלטיגנד באשטעטיגט די 4.2 ביליאן דאלאר אינווייראנמענטאל באנד אקט נאוועמבער 8, 2022. סטעיט אגענטורן, לאקאלע רעגירונגען, און שותפים וועלן קענען האבן צוטריט צו געלטער צו באשיצן וואסער קוואליטעט, העלפן קאמיוניטיס זיך צופאסן צו קלימאט טויש, פארשטערקערן רעזיליענסי, און שאפן גרינע דזשאבס. באנד אקט געלטער וועלן העלפן שטיצן נייע און פארגרעסערטע פראיעקטן איבער די סטעיט צו באשיצן טרינקען וואסער קוועלער, פארמינערן פאלושען, און באשיצן קאמיוניטיס און נאטורליכע קוועלער פון קלימאט טויש. פארשריט מיטן אויסנוצן די פינאנצירונג זעצט פאר, מיט ניו יארק סטעיט שוין האבנדיג פארטיילט אומגעפער 1.8 ביליאן דאלאר – אדער 25 פראצענט – פון באַנד געזעץ געלטער ביז היינט.

דער הארלעם ריווער פראיעקט איז די נייעסטע אונטערנעמונג נוצנדיג באַנד געזעץ אינוועסטירונגען צו פארשטערקערן ברעג באפעסטיגונג, מוטיגן עקאנאמישע אנטוויקלונג, אויפלעבן געגנטער און פארמערן פארוויילונג געלעגנהייטן. אין אפריל האט די גאווערנער אנאנסירט אז 60 מיליאן דאלאר אין ענווייראמענטאלע באַנד געזעץ פינאנצירונג איז יעצט דא צו פארטיילט ווערן אין גרינע שטאנדהאפטיגקייט גרענטס (Green Resiliency Grants) צו שטיצן קריטישע שטורעם וואסער באהאנדלונג און אינפראסטרוקטור באפעסטיגונג פראיעקטן אין פארפלייצונג-אויסגעשטעלטע קאמיוניטיס אריבער ניו יארק סטעיט. אפליקאציעס פאר די פראגראם מוזן אריינגעגעבן ווערן ביז אגוסט 15, 2025. צו לערנען מער איבער באַנד געזעץ-געשטיצטע פראיעקטן, זיך צו איינשרייבן צו באקומען די לעצטע נייעס און צו טרעפן אנדערע מיטלען וואס זענען דא צו פארטיילט ווערן פאר שטאנדהאפטיגקייט איניציאטיוון, באזוכט environmentalbondact.ny.gov.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן